בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

פ"ח

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

"ותשחק ליום אחרון"

חומרות בפסח

א משהו חמץ - נישט קיין משהו מצה

גדר של 'חומרות יתירות'

קארטאפל איז חיי אדם...

"ווי קען איך זיין א מתנגד אויף זיי?"

ר' ברוך פון די עירובין

ג' הלכות מבוררות

"על המבלים זמן בשביל נקיות"

אוועק מיט א ריינעם נאָז

נעלם געווארן נאך די מגילה ליינען

ציען צו די העכסטע, נישט אראפפאלן פון די נידריגסטע!"

דאס איז דאך אונזער דור'ל

אט דאס ווילט איר מאכן פון מיר

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #88

מכון טעם זקנים שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**(+1) `347-232-7166**

בס"ד

# ~ עניני חומרות, שנת תשל"ה ~

(טייפ מס' 103#)

## "ותשחק ליום אחרון"

עס איז פארהאן א וודאי וואס יעדער איינער ווייסט: 'משה מת, מי לא ימות?!'[א] דאס ווייסט א יעדער איינער; מתושלח האט שוין געלעבט 'ניין הונדערט ניין און זעכציג יאר' - און אויך 'מת'; נח האט געלעבט 'ניין הונדערט פופציג' יאר - איז אויך 'וימת, וימת'!

מען זאל אויסרעכענען - 'ניין הונדערט פופציג' יאר - צעהן אידן לעבן דאך נישט אזוי פיל יארן - ניין הונדערט פופציג יאר, איז אבער אויך 'וימת'.

זעהט מען דאך, אז עס איז נישט שייך (לחיות לעולם); עס איז א נפקא מינה צו שפעטער צו פריער?! דאס איז דאך עס!

'דארטן' (בעולם הבא) - מיט וואס ער קומט אהין - צו מיט מער תורה, מיט מער תפילה, מיט מער ישוב הדעת - דאס איז דער פארמעג פון דארט[ב].

נו, אז מען קלאפט דאס גוט אריין אין קאפ און מען געדענקט דאס גוט, איז מען אן אנדער מענטש, אט דאס הייסט: אינזינען האבן דעם תכלית!

די וועלט פרעגט אויף אונז (ברסלב'ע חסידים): זיי זענען אין מרה שחורה - זיי רעדן דאך נאר פון יום המיתה? אבער דער אמת איז, עס איז נישט אזוי: מען קען גארנישט

---

[א] ילקוט ראובני, פרשת האזינו אות צ"ח, בשם ספר הציוני.

[ב] כלשון המשנה אבות פ"ו, מ"י: "בשעת פטירתו של אדם אין מלווין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד!"

האבן אין זיך א נקודה פון שמחה, אויב מען האט נישט אינזין דעם תכלית; אז מען האט אינזין דעם תכלית, דאן קען מען ארויסכאפן א נקודה פון שמחה![ג]

אויב מען האט אינזין נאר די וועלט - די וועלט איז א ענין פון עצבות, פון 'שלא כסדר'[ד] - די וועלט איז גאר נישט שייכות צו (שמחה), 'ולשמחה מה זו עושה[ה]?!' - פול מיט עצבות, מיט בילבולים; אן אמת'ע נקודה פון שמחה, קען נאר זיין אז מען האט אינזין דעם תכלית!

דער תכלית איז נישט נאר אז מען זאל אינזין האבן דארטן דעם יום המיתה (הפחדים בזה), נאר דער תכלית איז (לזכור גם) דעם תענוג עולם הבא - אזא מין תענוג עולם הבא איז דאך דא דארטן!

וואס דער מענטש וועט זיך דא מער צוגרייטן מיט תורה און מיט תפילה און דער עיקר מיט 'שמירת המחשבה', איז ער נענטער צום תכלית![ו]

❖ ❖ ❖

[ג] עי' ליקוטי הלכות פסח ט, יח, בא"ד: "כי כל מה שזוכר יותר ענין המיתה וכו' התחזק יותר שיהיה לטובה! דהיינו שעל ידי זה יתקרב להשם יתברך ולא שיתרחק יותר על ידי זה ח"ו, רק אדרבה מגודל האימה והיראה מהמות וכו' התחזק לקיים דברי חז"ל לשמח את עצמו בחסדי ה' וטובו שאינו נפסק לעולם!"

[ד] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' פ"ב

[ה] קהלת ב, ב.

[ו] עי' ליקוטי הלכות כתובות ה"ב, א': "כי עיקר הוא התכלית ועיקר התכלית הוא בבחינת סוף מעשה במחשבה תחילה, דהיינו שיתקשר ויוכלל סוף המעשה בתחילת המחשבה שזה עיקר כוונת הבריאה, וזה עיקר התכלית של כל הבריאה כולה. וזה ידוע שעיקר השגת התכלית תלוי בשמירת הברית!"

# חומרות בפסח

**הבהרה וגילוי דעת!**

היות שאנו מעתיקים כאן דברי מוהרלוי"צ, כלשונו, בעניני כמה דברים שיש בהם כמה חילוקי דעות ומנהגים ומנהגים שונים בין כל מיני סוגים, קהילות ומנהגי המקום ושינוי המציאות(!), ע"כ מוטל עלינו האחריות להבהיר, שח"ו לפסוק ע"י עצמו בלי שאלת חכם, אי להקל ואי להחמיר. ועל כמה דברים יתכן שצריכין ע"ז התרת נדרים. ועל כגון דא נאמר (ב"ב קל:): "אין למידין הלכה מפי מעשה", וכתיב (משלי יג, טז): "וכל ערום יעשה בדעת", וד"ל.

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: אין די מעשה 'מהרב ובן יחיד'[ז], שטייט, מען האט געזאגט אויף אים, אז ער איז א קל, - מען האט געזעהן עפעס קלות?) **"ער איז זיך א קל** (כלומר ניט קיין ערליכער יהודי) - **אט פאר איך פון אים, בין איך דערביי געווען און ער האט געטאן אן עבירה!"** (- כן כתוב שם בהמעשה).

(ר' משה בינענשטאק: מען זאגט אז די ברסלב'ער'ס זענען מקיל, זיי גייען נישט מיט קיין חומרות, אזוי ווי 'געבראקטס' [- מצה שרויה], מיט די אלע זאכן - די אלע אלטע חומרות) **וואס רעדסטו? ביי אונז איז אויך דא חומרות; מען בראקט נישט - איך בראק אויך נישט!**

(ר' משה: ביי אונזערע לייט אין פוילן, דאכט זיך, האט מען יא געבראקט) **נע!**

(ר' חיים שלמה: ר' אברהם ר' נחמן'ס?) **ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען א קראנקער מענטש!** (ולא היה יכול לאכול אחרת).

**דער רבי האט געזאגט: "מען זאל נישט אויפהערן!"**[ח]

[ז] מעשה ח' מספה"ק סיפורי מעשיות.

[ח] עיין שיש"ק ח"ג, ת"ע: רבינו אמר: "מי שלא התחיל להחמיר ואינו נמנע מלאכול מצה שרוייה בפסח - אין צריך להחמיר; ומי שכבר קיבל עליו חומרא זו - שלא יפסיק לנהוג כך!"

א חומרא וואס מאכט דעם מענטשן מרה שחורה'דיג, איז עפעס אנדערש; אבער אז מען בראקט נישט אום פסח ווערט מען מרה שחורה'דיג? עס איז נישטא וואס צו עסן?

(ר' משה: עס זענען דא וואס לייגן אפילו נישט א גלעזל וואסער אויפן טיש כל זמן עס איז דא א מצה אויפן טיש) שוין.

(משוחחים אודות אנשים שמחמת חסידותם אינם ישנים בסוכה מסיבת גודל קדושתה) די היגע אידן, די ליטוויקעס, די פרושים, אז ער איז געווען שלעפעריג אינמיטן גאס, איז ער געלאפן אין סוכה אריין כדי ער זאל נישט כאפן א דרימל אינמיטן וועג. ער פלעגט מאכן א מנין אין סוכה, טאמער אין שול כאפט אים א דרימל - זיי זענען ליטוויקעס - זענען זיי נישט קיין חסידים; אבער אז דער שולחן ערוך זאגט[ט] 'שינת עראי חייב בסוכה' איז דאך נישט שייך צו זאגן (- זיך צו דינגען אויף דעם). (ולומר שאינו צריך לישן בסוכה מחמת עוצם קדושתה -) דאס איז פונקט אזוי ווי איינער זאל זאגן: 'ווי קען איך נעמען תפילין, כתרי דמלכא - און לייגן אויף מיין קאפ?'!

מען דארף טאקע האבן א בושה, דער רבי זאגט טאקע אזוי[י]; אבער דערפאר זאל איך נישט לייגן קיין תפילין (ולחשוב לעצמו:) 'כתרי דמלכא' זאל איך לייגן אויף מיין קאפ?; און ווי קען איך (בכלל) אריינגיין אין סוכה אריין? ער נעמט זיך דאך ארום מיט א סוכה, מיט סכך, שמות הקדושים, ווי קען איך אריינגיין?!

(ר' משה: אין רוסלאנד פלעגן זיי יא שלאפן אין סוכה?) דארטן איז געווען עפעס אנדערש, דארטן סוכות איז געווען א פראסט זייער.

---

[ט] או"ח סי' תרל"ט, סעי' ב'.

[י] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ב: "גם מצוה, כשרוצין לעשות איזה מצוה, ראוי שיהיה לו גם כן בושה גדולה, כי איזה זכות יש לו שיזכה לעשות המצוה? ואיך יעז פניו ליכנס בהיכל המלך לעשות מצוה?! וישער בדעתו לפני מי הוא עושה המצוה, וגם גודל מעלת המצוה בעצמה, כי המצוה בעצמה יקרה מאד, אשר אין לשער, ובודאי ראוי שיפול עליו בושה גדולה כשבא לעשות איזה מצוה כשיסתכל על עצמו ויראה שהוא רחוק מאד מהשם יתברך, ואין לו שום זכות שיזכה לעשות מצוה. ... כי איך באים לחטוף התפלין, שהם כתרי דמלכא, ולהניחם פתאום על הראש?! בוודאי ראוי שיהיה לו בושה גדולה, כשבא לעשות איזה מצוה!".

(ר' משה: זיי זענען געווען פטור מן הסוכה![יא]) דארטן איז געווען דער גלות זייער גרויס; אין איין סוכה האבן געגעסן זיבן אכט (מענטשן) [משפחות].

(ר' משה: אין אומאן איז אויך געווען אזוי?) אין אומאן אויך אזוי. איך האב יא געהאט א סוכה באזונדער דארטן. ברוך השם דא קען מען מקיים זיין: "בסוכות תשבו שבעת ימים" - 'תשבו כעין תדורו'[יב], ברוך השם - דא איז מען מחויב צו שלאפן אין סוכה!

אסאך מצוות וואס אין חוץ לארץ האט מען נישט געקענט (מקיים זיין, אבל כאן מקיימים אותם בשלימות ההידור:) אין חוץ לארץ האט מען נישט געקענט מקיים זיין אפילו מצוַת ציצית, דארט האט מען געקענט מקיים זיין מצות ציצית? עס איז געווען פיל מיט קניפן - א איך ווייס וואס, מען האט אלע קולות אויסגענוצט, מען האט געקניפט, געקניפט, געקניפט א לאנגן פאדעם...

און לבנה - האט מען געקענט מקיים זיין מצות (ברכת ה)לבנה? ווער-וואו איז געווען א לבנה ווינטער? עס איז געווען חדשים-ווייז וואס עס איז נישט געווען קיין לבנה; אז מען האט (איר צומאל) געכאפט פרייטאג צונאכטס, האט מען מקדש געווען די לבנה פרייטאג צונאכטס...[יג]

און ווייטער תפילין, וואו האט מען געהאט תפילין בהידור? אזעלכע תפילין האט מען דארטן געזעהן? און אויך מצות מהדר זיין - וואו האט מען דאס געהאט?! ברוך השם, ברוך השם! (אכשר דרא).

❖

## א משהו חמץ - נישט קיין משהו מצה

ר' נחמן טולטשינער האט נישט געגעסן קיין געבראקטס, ער האט נאר געגעסן שמירה (משעת קצירה) - האט ער אבער אזוי געזאגט: "אז עס פאלט אריין א שטיקל

---

[יא] עי' או"ח סי' תר"מ - בדין המצטער פטור מן הסוכה.

[יב] גמ' סוכה כח:

[יג] עי' משנה ברורה סי' תכ"ו, או' י"ב: "אין מקדשין אותה (הלבנה) בליל שבת, והרבה טעמים נאמרו בזה ע"פ הקבלה, ומ"מ אם לא קידשו עד שבת ויו"ט ויעבור הזמן בוודאי מותר לקדש גם בשבת ויו"ט ואפילו ביחידי וכן הוא מסקנת הפוסקים".

**מצה דארטן - זאלט איר מיר נישט אויסזאגן; מען דארף זיך היטן פון א משהו חמיץ, נישט פון קיין משהו מצה!"**

**ר' נחמן האט נישט געבראקט פסח - נאר אז עס פאלט אריין א שטיקל מצה** (האט ער געבעטן:) **זאגט מיר נישט אוים!**

**דער רבי'נס זאך איז געווען מיט א חכמה, מיט אן ערנסטקייט.**

**איך בין געווען אין מאסקאווע, איינער איז געווען דארטן, אן ערליכער איד געווען, נאר א מחמיר** (באופן משונה מאד)**, זי איז משוגע געווארן פון אים פסח. אחרון של פסח איז שוין דארטן נאר ספיקא דיומא, האט זי זיך שוין געפריידט אז אחרון של פסח וועט ער זאגן: נו, מען דארף שוין נישט...** (כלומר, אפשר להניח קצת מהחומרות) **- האט ער איר געגעבן אחרון של פסח נאך ערגער ווי א גאנץ פסח...**[יד]

**דער רבי האט נישט געהאלטן דערפון - נישט אנמאכן זיך חומרות, פארקרומטע זאכן - דארט מיט די וואסער**[טו]**...**

**עס איז דא זאכן וואס מען דארף מחמיר זיין - וואס דער רבי האט געהייסן מחמיר זיין**[טז] **- און דארטן זענען זיי נישט מחמיר.**

---

[יד] עי' ליקוטי הלכות נדרים ושבועות ה"ג, אות א': "ועל-כן על-פי-רוב האדם נופל לעוונות ע"י ריבוי המצוות והדקדוקים של הבעל-דבר שמרבה להחמיר ולדקדק עליו ביותר ומפתהו למצוות שלו ומתלבש עצמו במצוות ואח"כ מביאו לידי עוונות ח"ו. כי ריבוי החומרות והדקדוקים זה בחי' ריבוי אור שגורם שבירת כלים ח"ו כנ"ל שמשם נמשכין כל העוונות ח"ו כנ"ל. וזה בחי' "אל תצדק הרבה ואל תרשע הרבה" (קהלת ו') כי הא בהא תליא שצריך ליזהר שלא יצדק הרבה כדי שלא ירשיע הרבה ח"ו, עי"ז, כנ"ל".

[טו] עי' שיחות הר"ן רל"ה: "וגם בענין החומרות יתרות בפסח לא היה מסכים כלל על המרבים לדקדק יותר מדאי ונכנסים במרה שחורות גדולות. והאריך בשיחה זו אז, כי איש אחד מאנשינו שאל לו, זכרונו לברכה, שאלה אחת בענין איזה חומרא בפסח איך להתנהג. ואז התלוצץ ממנו מאד. והרבה לדבר מענין זה שאין צריכין לחפש אחר חומרות יתרות ושגעון ובלבולים. ואמר שהוא בעצמו גם כן כבר היה שקוע בענין זה מאד, שהיו עולים על דעתו חומרות יתרות מאד מאד. ופעם אחד היה חושב מחשבות בענין המים על פסח שחשש שמא יש איזה משהו במים ששואבין. ואם יכין לו מים על כל ימי הפסח כמו שנוהגין קצת, גם זה לא הוטב בעיניו, כי קשה לשמר היטב המים מערב פסח על כל ימי הפסח. ולא הוטב בעיניו שום מים רק מי מעיין הנובעים ויוצאים והולכים ובאים מים חדשים בכל עת. אבל במקום שהוא זכרונו לברכה היה יושב לא היה שום מעיין כזה, והיה בדעתו לנסוע על פסח למקום שיש שם מי מעיין כזה. כל כך נכנס בחומרות ומרה שחורות ודקדוקים יתרים. אבל עכשיו הוא מתלוצץ מזה כי אין צריכין לחפש אחר חומרות יתרות, אפילו בפסח.

[טז] עי' שיש"ק ח"ג, שכ"א.

פארוואס זאלן מיר רעדן פון אנדערע? לאמיר רעדן פון אונז!

❖

דער רבי האט נישט געהאלטן פון קיין חומרות, אבער דעם 'וואָרט' דארף אויך האבן א גוטן ביאור. למשל; מען קען אויספירן: האבן תפילין מהודרים, ציצית מהודרים, א טלית מהודר און אן אתרוג מהודר, איז וועל איך זאגן אז דער רבי האט נישט געהאלטן פון קיין חומרות?!

מען איז דאך מחויב בהידור מצוה: "זה אלי ואנוהו" - 'התנאה לפניו במצות'; ציצית נאה, לולב נאה, סוכה נאה - עס איז א גמרא[יז].

חומרות פון וואס א מענטש קען ווערן מרה שחורה'דיג, פון דעם האט דער רבי נישט געהאלטן, "לא נתנה תורה למלאכי השרת"![יח]

(ר' חיים שלמה: מען איז מחויב אויסצוגעבן גרעסערע הוצאות?) איך נעם דארטן א פעקל מצה - עס קאסט היינט א פעקל מצה, 'הונדערט און אכציג' פונט - האב איך גענוג, עס בלייבט נאך איבער, שוין[יט].

(ר' משה: און ביי א שטוב פון צעהן קינדער?) ניין, די קינדער עסן נישט אזוי (מן המהודרים כ"כ) - פאר די קינדער געבן זיי שוין פראסטע מצה. די וואס עסן נישט קיין מאשין מצה, נעמען זיי די (גרינגערע) [ביליגערע].

(אחד הנוכחים: קליינע קינדער, אבער נישט גרויסע) גרויסע זענען שוין אליין מחויב - אבער אז איינער האט עס נישט, זאל ער דערפאר פאסטן פסח? אוודאי נישט!

---

[יז] גמ' שבת קלג:.

[יח] עי' ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' מ"ד, וז"ל: "גם מחכמות שיש בעבודת השם בעצמו צריך להרחיק מאד. כי כל אלו החכמות של העולם, שיש להנכנסין ומתחילין קצת בעבודת השם, אינם חכמות כלל, והם רק דמיונות ושטותים ובלבולים גדולים. ואלו החכמות מפילין מאד את האדם מעבודת השם, דהיינו מה שחושב וחוקר ומדקדק ביותר, אם הוא יוצא כראוי במה שעושה. כי בשר ודם אי אפשר לו שיצא ידי חובתו בשלמות! 'ואין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא' וכו' (עבודה זרה ג.), 'ולא ניתנה תורה למלאכי השרת' (קדושין נד). ועל אלו המדקדקים ומחמירים בחומרות יתרות, עליהם נאמר (ויקרא י"ח): "וחי בהם", 'ולא שימות בהם' (יומא פה:), כי אין להם שום חיות כלל, ותמיד הם במרה שחרה, מחמת שנדמה להם שאינם יוצאים ידי חובתם בהמצוות שעושין, ואין להם שום חיות משום מצוה מחמת הדקדוקים והמרה שחרות שלהם (והוא בעצמו אינו מחמיר שום חמרא כלל)".

[יט] עי' בגמ' ב"ק (ט:) בענין הידור מצוה עד שליש.

יעדע חומרא איז אזוי: א חומרא, אז איך קען עס אויספירן, נאר וואס דען, עס איז א ענין פון מערער געלט - נו, האב איך מסירות נפש און איך בין מקיים "ובכל מאודך" - אבער אז איך האב עס נישט - און ארומגיין אין די הייזער ווען איך האב נישט וואו צו גיין - מחמיר זיין, און צושטערן זיך דעם יום טוב - דאס איז שוין א חומרא (וואס טויג נישט), דאס טאר מען נישט!

❖

## גדר של 'חומרות יתירות'

(השואל: רחיים של יד?) עס איז א הידור, פארוואס נישט? אוודאי, רחיים של יד איז א פיינער (הידור). די שמירה הייבט זיך דאך אן פון די וואקסן, און נאכדעם איז די טחינה - רחיים של יד איז אוודאי מהודר'דיג[כ]. (ר' משה: עס קאסט אסאך מער פונט אויף א קילא) איז נאך אפאר פונט!

דאס איז א כלל אזוי: א חומרא וואס עס מאכט דעם מענטשן מרה שחורה'דיג, ער קען נישט דאווענען, ער קען נישט לערנען - דאס איז א חומרא וואס דער רבי האט נישט געהאלטן דערפון.

די תורה איז נישט געגעבן געווארן צו מאכן דעם מענטשן מרה שחורה'דיג, "פקודי ה' ישרים משמחי לב"[כא]; אבער א חומרא וואס איך קען עס אויספירן אבער איך וועל דארפן ממעט זיין אין אנדערע זאכענישן, איז וועל איך נישט מאכן קיין (טייערע נייע) אנצוג - וועל איך זעהן צו האבן מצות כשרים - דאס איז א הידור מצוה!

'התנאה לפניו במצוות' און 'זה קלי ואנוהו' איז מחויב א ברסלב'ער חסיד אויך!

❖

דער רבי ברענגט (לגבי חומרות על פסח) וועגן וואסער - ער האט געוואלט אוועקגיין פון דעם דארף...

---

[כ] עי' בביאור הלכה ריש סי' ת"ס.

[כא] תהלים יט, ט.

(כהיום, בניקל) קען מען אויספירן - וואסער; מען קויפט א פאס - פון יאר צו יאר האב איך א פאס - און א טאג פאר ערב פסח זייע איך איבער דאס וואסער, איך גיס אריין אין פאס דאס וואסער - האב איך אויף פסח, וואסער.

וואספארא חומרא האב איך דא? דאס מאכט דיר מרה שחורה'דיג? אין א האלבע שעה האב איך שוין וואסער אויף פסח - א הידור איז דאך עס, שוין!

דאס איז נישט קיין גרויסע זאכעניש, און מען דארף נישט אוועקגעבן אזוי פיל געלט דערפאר - א הידור![כב]

און אז איך האב נישט דעם פאס, האב איך דעם פסח נישט געהאט קיין וואסער?; אז איך האב נישט געהאט - האב איך נישט געהאט!

(ר' משה: וואס הייסט; איר ניצט נישט דעם קראן פסח?) נאר אזוי דארטן אויף וואשן זיך צום עסן, נעגל וואסער, אבער אזוי וואסער איז נאר (פונעם פאס).

(ר' משה: פארוואס זאלט איר דא נישט נוצן דעם קראן און לייגן א שמאטע אויף דעם קראן?) ווייל די היגע וואסערן מיט די טאנקן, מיט די מעשה'ס, געשעפטן, אזוי: עס איז חשוב'ער אז מען האט וואסער אויף גאנץ פסח.

אויב עס איז א חשש למשל דארטן אז אין די וויין איז דא פירורין (כתבו הפוסקים) זאל מען מאכן דעם סינון פאר פסח - אבער נישט אום פסח[כג]. וויבאלד פאר פסח ווערט עס נאך בטל בששים - און פסח איז במשהו (ואינו בטל). זעהען מיר דאך, אז דארט וואו עס איז אן ענין פון סינון, דארף מען מאכן דעם סינון פאר פסח.

איז דאס איז אויך דאס אייגענע: איך מאך טאקע א סינון נאך פאר פסח, אויף די וואסער וואס איך נוץ אויף פסח; איך פיר אריבער - איך נעם נישט גלייך פון קראן - איך לייג אוועק א שמאטע, איך מאך א סינון - און די געזייעטע וואסער גיס איך אריין אין פאס - האב איך געזייעטע וואסער פאר א גאנץ פסח.

---

[כב] עי' שו"ת מהרש"ג ח"ב סי' כ"ח, ושו"ת מנח"י ח"ז סי' ל', ובשו"ת קרן לדוד סי' קכ"א.

[כג] עי' כ"ז בשו"ע או"ח סי' תמ"ז סעי' ד', ובמשנה ברורה שם ס"ק ל"ו.

אויב איך מאך א סינון - פארוואס מאך איך דעם סינון? - איך האב דאך עפעס א חשש אז איך מאך דעם סינון, (א"כ) דארף מען מאכן דעם סינון פאר פסח - פאר חצות.

❖

## קארטאפל איז חיי אדם...

(ר' חיים שלמה: עס איז דא וואס קויפן אלע מאכלים פאר פסח) יא, אוודאי, מען קויפט דארטן פיש אויף גאנץ פסח, עוף אויף גאנץ פסח[כד], [מילך] אויף גאנץ פסח - אלץ הידורים[כה].

דער עיקר: טאמער איינער האט נישט געקויפט, מעג ער קויפן אן עוף פסח אויך. אז ער גרייט עס צו פאר פסח - צו פיש, איז דאס מער א הידור, אבער טאמער ער האט נישט צוגעגרייט זאל ער דערפאר פאסטן פסח?!

ער קען גיין קויפן אן עוף, און דאס עוף איז בחזקת אז עס עסט נישט קיין חמץ אין פסח! בכלל געבט מען זיי (להעופות) נישט צו עסן קיין חמץ נאר עפעס אנדערע מאכלים דארטן - אזעלכע מיני ירקות געבן זיי צו עסן די פאר עופות - נישט קיין חמץ, אפילו א גאנץ יאר אויך נישט, בפרט נאך פאר פסח איז מען נאך מער (נזהר בזה).

(ר' משה: אנדערע זענען מחמיר נישט צו עסן איגערקעס טאמאטעס וואס האבן קערעלעך) נו, וואס איז? (ר' משה: קערעלעך וואס האט א סרך פון קטניות).

מען האט פאר דעם צאנזער רב געזאגט, אז דער חיי אדם האט געזאגט, אז קארטאפל איז א חשש פון קיטניות[כו]. האט ער אזוי געזאגט - א ווארט פון צאנזער רב: "קאטאפלעס איז חיי אדם (כלומר דבר שחיי האדם תלוי בו) - און חיי אדם איז קיטניות!" - אזוי האט צאנזער רב געזאגט.

ער האט געוואלט מאכן קאטאפלעס קיטניות, האט צאנזער רב אזוי געזאגט.

---

[כד] הובא בשערי תשובה באו"ח סוף סי' תס"ז בשם החיד"א.

[כה] משום חשש בליעת חמץ בתוכן.

[כו] נשמת אדם הל' פסח שאלה כ'.

פסח האט ער (מרן הדברי חיים) נאר געגעסן קאטאפלעס; מצה האט ער נאר געגעסן די כזיתים מצה - די צוויי מאל; אבער ער האט געוואלט מאכן קאטאפלעס קיטניות - האט ער געזאגט די ווערטער.

(ר' משה: אבער מען זאגט דאך עס, דאכט זיך פון ר' נתן, אז דער חיי אדם האט געמאכט בעסער[כז] קלפי הלכה - דאס איז א באזונדערע זאך.

די וואס בראקן נישט, וואס עסן זיי אינדערפרי? א טאמאטע מיט א איגערקע - מען מאכט א סאלאט, דאס איז די עסן, ביי פרישטאג און אויפדערנאכט, מען עסט די דאזיגע עסן - א טאמאטע, א סאלאט - מיט א גלאז טיי און אן איי - ממילא איז מען נישט הונגעריג.

❖

(השואל: און וואס איז מיט מאשין מצות?) מאשין מצות איז עפעס אנדערש (יש מקום חזק לחומרא זו). איז אבער אויך דאס אייגענע: די וואס עסן מאשין מצות זענען נישט קיין כופרים באלקי ישראל. דער היגער [ראש] בית דין האט דאך געגעסן - ר' פנחס עפשטיין[כח] האט געגעסן מאשין מצות.

עס איז דא נארישע חומרות וואס (עס קומט נאר ווייל) מען דארף נאכטאן יענעם, עס האט נישט קיין שום ארט אין שולחן ערוך און קיין שום חשש; מען דארף יוצא זיין נאר השם יתברך!

אפילו בראקן איז אויך א חומרא, נאר וואס דען? בראקן איז יא עפעס דערמאנט אין שלחן ערוך[כט], דער שערי תשובה[ל] דערמאנט עפעס: ["אנשי מעשה"].

אמאל איז געווען גראבע מצות - דער שערי תשובה ברענגט: 'די מצה וואס עס איז נישט אויסגעבאקן'. אבער היינט איז עס נישט שייך, היינט ביי די דינע מצות, עס איז

---

[כז] עי' שיש"ק ח"א, תקמ"א: שיבח פעם מוהרנ"ת ז"ל מאד את הספר חיי אדם, ואמר: "ער האט שטארק מכוון געווען להלכה".

[כח] ראב"ד בד"צ עדה החרדית רבות בשנים.

[כט] עי' משנה ברורה סי' תנ"ח אות ד'.

[ל] או"ח סי' ת"ם אות ב'.

דא א גוטער אויבן; פונדעסטוועגן, א מענטש וואס ער וויל נישט בראקן, בראקט ער נישט.

אבער אויך אלץ אויף דעם וועג: עס זאל אים נישט מבלבל זיין. ר' אברהם ר' נחמן'ס, אז ער איז געווען קראנק אויף חולי מעיים האט ער יא געבראקט, ער האט נישט געקענט עסן, אז ער האט געגעסן א שטיקל מצה איז ער דאך געווען אין א סכנה מיט חולי מעיים, האט ער געמוזט איר איינווייקן.

(ר' משה: א שאלה צו מען דארף מאכן התרת נדרים אויף די סארט חומרות?) שוין, האט ער אויך מתיר געווען אויף דער עלטער ווען ער איז קראנק געווארן.

(ר' משה: אבער דער רבי האט נישט געבראקט?) אוודאי נישט - רבי נתן אויך נישט; אפילו אין מיינע צייטן; ר' נחמן טולטשינער און אפילו דער איידעם ר' יחיאל[לא] אויך נישט, זיי האבן נישט געבראקט.

אסאך מענטשן אין אומאן האבן נישט געבראקט - און געגעסן שמירה אויך, אסאך מענטשן!

❖

## "ווי קען איך זיין א מתנגד אויף זיי?"

אין רוסלאנד, די לעצטע צייט, ביי די רוסן (בתקופת הקמוניסטן) ימ"ש, האט מען דאך גארנישט געקענט אויספירן - ממילא האט מען געמוזט מיקל זיין אין די אלע זאכן; אבער ווי וויַיט מען האט געקענט (ניסינו לדקדק ככל האפשר).

- געדענק איך, אין אומאן האבן מיר גע'כשר'ט א מיל (צו מאלן ווייץ) - איך און אליהו חיים (ראזען). מיר פלעגן כשר'ן א מיל, און געקויפט ווייץ, און באוויזן א רב צו עס איז כשר'ע ווייץ - און אליין אפגעמאלן; וויפיל מען האט געקענט אויספירן האט מען אויסגעפירט.

פלייש האבן מיר געהאט אונזער. (ר' משה: א ברסלב'ער משגיח?) ער איז נישט געווען קיין ברסלב'ער - אבער אן ערליכער איד געווען. ער פלעגט גיין, מיר האבן אים געגעבן

---

[לא] ר' יחיאל ב"ר צבי פסח ווייסלייב, חתנו של ר' נחמן מטולטשין. נפטר בשנות תרפ"א-תרפ"ב. בניו: ר' נחמן ור' אבא לישינסקי (גידוה"נ).

- געצאלט אים - ער איז געגאנגען אין בית השחיטה וואו מען האט גע'שחט'ן און האט אכטונג געגעבן די בהמה וואס איז געווען גלאט כשר אן קיין שום שאלה - דער חליף און אלעס, און ער האט געמאכט א חותם - און וואס ער האט געהאט פון דעם קצב האבן מיר געקויפט. דאס איז געווען מהודר'דיג אן קיין שום חשש.

די שטאט האט אויך געוואוסט - פון וואו האבן זיי גענומען פלייש? פון די ברסלב'ער האבן זיי גענומען פלייש!

דא איז געווען חיים פולנאה'ער[לב] - דו געדענקסט אים דא? ער איז געשטארבן נישט צו לאנג (צוריק) - צוועלף דרייצן יאר. ער איז געווען דא אין תלפיות, דאכט זיך מיר, ער איז דארטן געווען אין אן אלט-הויז. איז ער פלעגט גיין אלע טאג (אין אומאן) צו די בהמות, אפגענומען עטליכע קאנעס מילך - ער פלעגט שטיין ביים מעלקן, און פון אים האט מען געקויפט מילך.

ער מיט די קינדער זענען געגאנגען דארטן און געבראכט עפעס א פינעף-זעקס קאנעס מילך; אז מען האט געדארפט מילך, האט מען ביי אים גענומען מילך.

ער האט דאך געזאגט - דער אומאנער רב, ר' שלום דער רב: **"ווי קען איך זיין א מתנגד אויף זיי** (על חסידי ברסלב)**? א שטיקל פלייש קען מען באקומען נאר ביי זיי; א גלאז מילך איז נאר ביי זיי; מצות צוגעמאלן - איז אלץ נאר ביי זיי; א מקוה איז אויך נאר ביי זיי - ווי קען איך זיין א מתנגד אויף זיי?!"**.

❖

(ר' משה: און די מקוה איז טאקע ביי משה צדוק'ס געווען?) **פריער איז דאס געווען ביי אונז** (בהקלויז) **אין הויף - אוודאי, אסאך יארן איז געווען די מקוה אויפן הויף.**

(ר' משה: עס איז נישט געווען א שטאטישע מקוה?) **אלץ איז געווען פארמאכט - מען האט** דאס צוגענומען; די מקוה ביי אונז פלעגן די שטאט-לייט נוצן - יארן יארן; נאכדעם אז מען האט שוין דאס אויך צוגענומען, איז דאס געווען ביי [משה] צדוק'ס.

[לב] בין ה 27 שנשלחו בתרצ"ח אל הבלתי נודע ומהיחידים שנותרו בחיים, דר בא"י. (גידוה"נ)

(ר' משה: דאס איז געווען טאקע די מקוה וואס ר' אברהם[לג] (דער בעדער) האט געארבעט אין דעם?) **יא, דאס איז די מקוה.**

**- דאס איז חומרות? ווי ווייט מען האט געקענט האט מען מהדר געווען; נאר וואס דען? די חומרות וואס מאכן דעם מענטשן משוגע - דאס איז ביי אונז נישטא, דאס איז 'הפסדו מרובה משכרו', עס מאכט מרה שחורה'דיג. נישט עסן יו"ט, נאר פאסטן, דאס טאר נישט זיין ביי אונז!**

❖

(השואל: די חומרות אין די שיעורים פון די כזיתים - שיעור חזון איש; און די רביעית - די גרויסע כוסות?) **איז אויך דא - עס איז דא ר' חיים נאה** (ששיעורו קל ביותר למי שקשה לו להחמיר כשי' החזו"א).

**מען דארף בעטן דעם אויבערשטן: 'הורינו ה' דרכך, אהלך באמיתך' - פיר מיר מיט 'דיין' אמת! פיר מיר מיט דיין אמת!**

**ברוך השם, אז מען וויל דא - קען מען אויספירן יעדער זאך אן צו זיין מרה שחורה'דיג - מען קען עס אויספירן!**

❖

# ר' ברוך פון די עירובין

(ר' משה: טראגן שבת מיטן עירוב?) **דא איז אזוי: אויף דער עירוב פון שטאט פארלאז איך זיך נישט, אבער אויף דער עירוב וואס דער עדה החרדית מאכט דא - דעם שטיקל -** (אויף דעם) **קען מען זיך פארלאזן הונדערט פראצענט. נאך מיין גאס - און אביסעלע נאך ווייטער - קען מען זיך פארלאזן הונדערט פראצענט; אבער דער עירוב וואס מען האט געמאכט ביז דעם כותל, דאס איז שוין אביסעלע שאלה'דיג.**

**דער אויבערשטער פירט אין אלע צייטן א וועג, אז מען זאל זיך קענען דערהאלטן. איך בין געווען אין בארדיטשוב - בארדיטשוב איז א שטאט - א 'כרך' גרעסער ווי**

[לג] דז'ארגובסקי, חתנו של ר' געצע ז"ל.

ווארשא. עס איז געווען דארט - יוחנן'ס[לד] טאטע, ברוך[לה] - מען האט אים גערופן: 'ברוך פון די עירובין'. ער פלעגט ארומגיין אלע פרייטאג און אויסלויפן גאנץ בארדיטשוב, ביי אלע טויערן - און געקוקט צו דער עירוב איז גאנץ און כשר.

(ר' משה: א גאנצע פרייטאג איז ער ארומגעגאנגען?) בארדיטשוב איז א כרך. ער איז געווען אן ארימאן, ער האט נישט געקענט פארן, איז ער געגאנגען צופיס.

ער (ר' יוחנן) דערציילט דאך די גרויסקייט פון זיין טאטן: פרייטאג איז ער ארומגעלאפן אזוי - א געוואלד, (ובכניסת שבת) איז ער אריינגעפאלן אין שול אריין (אחר עבודה קשה כזו) און ער האט איבערגעווארט (הציבור עד גמר התפילה). אז דער עולם האט אפגעדאווענט, האט ער זיך געשטעלט דאווענען מעריב מיט קולי קולות - געדאווענט שעה'ן מעריב! ער איז געווען אן עובד - א גרויסער עובד!

בארדיטשוב איז געווען א כרך גדול - גרעסער ווי אומאן, גרעסער ווי ווארשא - א געוואלדיגער שטאט, א גרויסער שטאט. די קאלע גאס האט ענהאלטן עטליכע קילאמעטער - איין גאס; עס איז א געוואלדיגער גרויסער שטאט געווען.

(ר' משה: ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט טראגן?) איך געדענק נישט; אין אומאן - מן הסתם אויב עס איז געווען אן עירוב, האט ער געטראגן.

אין אומאן פלעגט מען שבת אויסרופן אמאל: 'דעם שבת טאר מען נישט טראגן!' (כשנעשה בו איזה קלקול).

(ר' משה: וועלכע יאר איז ברוך אוועק?) ר' ברוך בארדיטשובער? ער האט באדארפט אוועק - תר"פ. ווען ר' אלחנן (ספקטור) איז געווען (אין אוקריינע) איז ער שוין געווען קראנק - דער ברוך.

ער איז טאקע נפטר געווארן פון דעם קראנקייט - אינמיטן פ'; אפשר אריינגעצויגן פ"א.

[לד] יוחנן גאלאנט ז"ל. דר במוסקבה ועלה משם לא"י בשנת תשכ"ג. נלב"ע כ"ו שבט תשל"ט.

[לה] ר' ברוך ב"ר דוד בארדיטשובער. לפני התקרבותו היה מחסידי ראחמיסטריווקע ונתקרב ע"י ר' בנימין פארבער ז"ל וע"י ר' אברהם ב"ר נחמן'ס שביקר בבארדיטשוב בדרכו מא"י לאומן. היה יושב ועוסק כל היום רק בתורה ועבודה והיה אומר: מה אעשה ואינני יכול לצאת לרחוב. תפילתו היתה בקולות ובהתלהבות. נפטר בן שישים ומעלה י"ב אדר תרפ"א. היה המפקח על העירובין בברדיטשוב. נלב"ע י"ב אדר תרפ"א. בנו ר' יוחנן גלנט (גידוה"נ).

(ר' משה: ר' יצחק מענדל דערציילט, אז ער איז געווען ביי זיין הסתלקות, און ר' ברוך האט אים געבעטן זינגען 'מעין עולם הבא'. ער זאגט אז ער האט אים גערופן פון צווישן דעם גאנצן עולם, ער האט געזינגען, און ביי די צווייטע מאל 'כל המתענגים בה' איז ער אוועק)

(ר' משה: ווי אלט איז ער געווען?) ער איז אפשר אלט געווען, זעכציג יאר - עטליכע אין זעכציג יאר, נישט מער.

❖

# ג' הלכות מבוררות

(חוזר לדבר מחומרות מה ששאלו אותו על כל מיני מנהגים שונים) לאמיר רעדן פון אונזערע זאכן וואס ביי אונז איז א וודאי - וואס מיר זענען נישט מסופק אין דער זאך. דאס איז ביי אונז א וודאי: 'מען דארף זיך מיישב זיין פאר דעם אויבערשטן אלע טאג' - דאס איז א וודאי!

ר' נתן האט דאך געזאגט[לו]: דריי זאכן איז ביי אים א וודאי: (שולחן ערוך, ראש השנה און התבודדות!). דאס איז דאך זיכער א וודאי אז מען דארף זיך מיישב זיין פאר דעם אויבערשטן אלע טאג, איז לאמיר רעדן דערפון - פון אונזערע וודאות!

יעדן טאג קען מען ארויסכאפן אוצרות מיט אוצרות, מיר רעדן אזעלכע זאכענישן, מיר האבן גערעדט א שמועס - לאמיר רעדן פון אונזערע עיקרים, פון אונזערע שורש'דיגע זאכן - דאס חיות אונזערס, דאס דארפן מיר רעדן - מיר לאזן אפ אונזערע רייד, און מען רעדט אנדערע רייד.

אשרי האיש - וואויל איז דער וואס וועט גיין מיט דעם רבי'נס וועגן: ער האט אלע טאג ישוב הדעת פאר דעם אויבערשטן און ער איז מקיים 'אשפוך לפניו שיחי'; און ער רייסט זיך צו דאווענען בכוונה; און ער שטייט אויף אין דעם עת רצון (פון חצות); ער האט דארטן זיינע שיעורים קבועים; און ער היט זיך פון צו רעדן אסאך (וכו').

[לו] עי' מכתבי ר' נתן בר"י, מכתב ע"ד: "כך שמעתי מאדמו"ר מוהרנ"ת זצ"ל קודם הסתלקותו הקדוש והטהור וכך אמר בלשונו הקדוש: שב"ה יש לנו עתה ג' הלכות מבוררות: על ר"ה צריכין לנסוע, ושו"ע צריכין ללמוד, והתבודדות צריכין בכל יום! ודווקא מכל הטרדות ומכל הבלבולים ומכל הערבובים צריכין לעשות מזה תפילה, כי על שם זה נקרא תפילה תהילה".

**אשרי האיש, אשרי לו ואשרי חלקו - דאס דארפן מיר רעדן, דאס דארף מען איינער דעם צווייטן מחזק זיין, דאס איז דער 'אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו' - דאס איז די דיבורים וואס מען דארף צו רעדן איינער מיטן אנדערן!**

**און פון דעם גייט שוין ארוים די אלע צמחים, די אלע פרחים, עס וואקסט שוין, עס בליעט שוין, עס ווערט שוין דערפון אלעם** (פירות טובים).

❖ ❖ ❖

# "על המבלים זמן בשביל נקיות"

(ר' משה: אז איינער שפירט אז ער איז שלעפעריג פארטאגס [נאך חצות, פאר'ן עלות], איז בעסער אז ער זאל טועם זיין אדער ער זאל זיך לייגן שלאפן?) **פון וואס רעדסטו - פון עסן?** (ר' משה: א גלאז קאווע).

**פארוואס דארף ער א גלאז קאווע - אז ער איז שלעפעריג דארף ער טרינקען קאווע?** (ר' משה: אז מען טרינקט עפעס, מאכט דאס אביסל בעסער, אוודאי, וואכעדיג, אזוי איז דער פאקט. פאר ותיקין, למשל אז ער איז אויף פון חצות, פארן עלות!?) **טרינקען מאכט וואכעדיג? איך וויים נישט דערפון!**

(ר' משה: קאווע מאכט וואכעדיג - אזוי האט זיך דער עולם איינגערעדט ביז עס איז געווארן אזוי; דער עולם רעדט זיך איין אז מען טרינקט קאווע מאכט עס וואכעדיג!) **וואכעדיג? קיינמאל נישט געהערט! איך האב קיינמאל נישט געהערט אז קאווע מאכט וואכעדיג!**

(ר' משה: מען שפירט אז עס איז שווער, באלד קומט דאווענען, און עס וועט זיין שווער צו דאווענען, ער איז הונגעריג) **אוי ווא וואוי!**

(ר' משה: די שאלה איז: וויבאלד דער רבי האט געזאגט אז ער האט קיינמאל נישט געטרינקען וואסער[לז], מען רעדט פאר'ן עלות, צו איז בעסער אז מען זאל טועם זיין אדער זיך לייגן שלאפן? - עס איז געווען א שטארקע קפידה נישט צו טועם זיין נאך חצות?[לח]) **אז די זאך זאל זיין א גורם אז מען זאל נישט**

---

[לז] עי' שיחות הר"ן רע"ז: "אמר (רביז"ל): שמעולם לא שתה אפלו מים קודם התפילה והקפיד מאד על אלו השותין קאווע וכיוצא בזה קודם התפילה".

[לח] ראה מה שכתב בליקוטי הלכות השכת הבוקר ה"ג, אות ה': "ועל כן אסור לאכול קודם התפילה. ובזוהר (ויקהל, רט"ו:) ובכתבים מחמיר מאד מאד שאפילו כשקם בחצי הלילה אסור לאכול ולשתות עד אחר התפילה וכל האוכל ושותה אז נחשב כעונן ומנחש רחמנא ליצלן, עיין שם", וכו'.

קענען דאווענען, דאס האב איך קיינמאל נישט געהערט; אז מען וויל קען מען זיך מזרז זיין צו דאווענען וואס פריער - ווער שמועסט: צו דאווענען ותיקין איז אוודאי גוט[לט].

וואס פריער, איז דער מענטש נאך נישט הונגעריג, ער איז נאכנישט דארשטעריג, שפעטער ווערט מען שוין הונגעריג, ווערט מען שוין דארשטעריג; אז מען דאוונט צוועלף אזייגער, איז מען הונגעריג...

(ר' משה: אבער איינער איז אויף פון חצות, פון האלב צוועלף ביז אינדערפרי, ביז נאך זעקס) **שפארט ער זיך צו אביסל!** (ר' משה: אה, איז בעסער זיך צושפארן ווי איידער עפעס טרינקען?) **יא, בעסער צושפארן זיך, יא!**

דער חוזה אויף דער עלטער, האט זיך צוגעשפארט נאך חצות פאר'ן דאווענען, כדי צו זיין פריש.

(ר' משה: אבער דא מיט א גלאז קאווע וועט ער פטור ווערן פון דעם שלאף!) **יא, ער רעדט זיך איין, ער רעדט זיך איין; אז ער וועט האבן א גרויסן בויך און זיך אנטרינקען אזוי, וועט ער נישט קענען דאווענען, איי, דאס איז שטותים והבלים; איך האב נאכנישט געזעהן אז די וואס טרינקען קאווע זאלן דאווענען מיט גרוים כוונה...**

קאווע? א נייע עצה צום דאווענען געווארן... דער רבי רעדט עצות צום דאווענען - א נייע עצה געווארן: 'טרינקען קאווע' - און דאס איז אן עצה צום דאווענען! אך.

(ר' משה: מען האט זיך צוגעוואוינט צו דעם, מען מאכט זיך וואכעדיג) **יא, מענטשן געוואוינען זיך צו אז אן צוגארעטן קען מען גארנישט מאכן קיין נקיות, מען רייכערט און מען רייכערט און מען רייכערט**[מ].

---

[לט] עי' עלים לתרופה, מכתב כ"ה: "ואתה ידעת אוצם תשוקתנו להתפלל תמיד בבוקר בבוקר השכם כאשר הזהירנו הוא ז"ל (שי' הר"ן ל"א) נא בני שתרגיל עצמך בזה, מי יתן שתזכה להתפלל בכל יום תפילת הותיקין אשריך וטוב לך! כי כשמפללין בבוקר השכם, יש פנאי וחירות כל היום לעבודתו יתברך!"

[מ] עי' בחיי מוהר"ן תע"ב: "הזהיר אותנו מאד לבלי להרגיל עצמנו להעלות עשן הלולקי ולהריח טבק. והאריך בשיחה זו ואמר שראוי לאיש כשר לבלי להרגיל עצמו בזה, כי הם ביטול תורה ותפילה בחינם. והוא דבר שאינו נצרך כלל, ולענין נקיות אין מועיל עשן הלולקי כלל. בפרט מי שכבר רגיל בעשן הלולקי, שבוודאי אין מועיל לו כלל, כי דבר הרגיל אינו מועיל כלל כידוע בחוש. וכבר מבואר (שיחות הר"ן סימן ל) שאין צריכין לבלבל עצמו בשביל נקיות רק בעת שנצרך לנקביו ממש, וחוץ מזה אין צריך להסתכל על זה כלל. ואמר על עצמו אף על פי שהוא בעצמו רגיל בזה להעלות עשן הלולקי, אף על פי כן קודם התפילה אינו לוקח הלולקי בידו כלל. ומימיו לא היה מעלה עשן הלולקי קודם התפילה".

דאס איז אלץ פון די זאכן וואס מען האט זיך צוגעוואוינט: מענטשן דאווענען שפעט, ער זאגט אז ביז (ער האט) [עס בלייבט] נישט אין מאגן, קען ער זיך נישט שטעלן דאווענען - ער קען נישט בשום אופן נישט - דאוונט ער דערפאר שפעט[מא].

און די אלע מענטשן באקומען מורידין[מב], און זיי ליידן נאכדעם חולאת'ן מיט זאכענישן.

דאס איז נארישע חומרות וואס דער רבי האט נישט געהאלטן דערפון, עס שטייט דאך נאר 'יבדוק עצמו'[מג] - יא יא, ניין ניין, און שוין.

[מא] עי' ליקוטי הלכות גיטין ג, יט: "כמו שנמצא בכמה בני אדם שתעו מדרך האמת שבקצת דברים מחמירים על עצמם יותר מדאי ויש להם מרה שחורות ודקדוקים רבים מה שאפילו כמה צדיקים גדולים אמתיים לא הקפידו עליהם, והם מרבים לדקדק ומבלבלים דעתם בכמה מרה שחורות, עד שאין יכולין להתפלל כראוי ולעשות שום מצוה כראוי מחמת בלבול דעתם מהמרה שחורות שלהם, ובמקום אחר מקילין יותר מדאי. ויש מדקדקים בחומרות ומרה שחורות, ואחר כך עושים עבירות גמורות רחמנא ליצלן ויש שאין עושין עבירות גמורות בידים אבל הם הולכים בטל מתורה ומתפילה בכוונה ואינם שוקדים על דלתי העבודה באמת רק כל חסידותם ועבודתם הוא מה שמרבין בחומרות יתירות משונות בעניני הנהגת קצת דברים, וכיוצא בזה הרבה מה שעצותם והנהגותם מהופך מן האמת".

[מב] עיין שיחות הר"ן ל': "על המבלים זמן בשביל נקיות ומאריכין בבית הכסא הקפיד מאד מאד והתלוצץ מאותן האנשים מאד, והאריך הרבה בענין זה. והכלל 'כי לא נתנה תורה למלאכי השרת' (ברכות כה:). ואין צריך להחמיר יותר מן הדין ועל פי הדין האיסור הוא רק כשנצרך לנקביו ממש כמו שכתוב בגמרא (שם כג.): 'הנצרך לנקביו אל יתפלל', 'הנצרך' דייקא. ואפלו כשהוא נצרך לנקביו ממש יש גם כן דינים בזה בדיעבד ובשעת הדחק כמובא ב"שולחן ערוך" (אורח חיים) סימן צ"ב. עיין שם במגן אברהם (ס"ק א) שהרי"ף (ברכות י"ד.) מתיר לכתחלה ביכול לעמוד עצמו עד פרסה וכו'. נמצא שעל כל פנים כשאינו נצרך לנקביו ממש אין צריך להחמיר ולבטל עצמו מתורה ותפלה בחינם מחמת חששות וחומרות יתירות ושגעון בעלמא. רק טוב להתפלל בבוקר תיכף אחר עמידתו ממטתו. אם אפשר בקל לפנות - אפשר ואם לאו - לאו, ויתפלל כך. ואפילו אם חושש במעיו לא ישגיח ולא יסתכל על זה כלל. גם אין צריכין להאריך בבית הכסא כי הוא מזיק מאד לבריאות הגוף וכמה חלאים באים מזה בפרט בבית הכסא שלנו שצריכים להיות תולה בהם והתולה בבית הכסא מזיק מאד מאד בפרט החולי הידוע שקורין (מורידין) (טחורים) בא מזה מאד רחמנא לצלן. על כן צריכין ליזהר מאד מלהאריך בבית הכסא. ואין לחפש אחר חומרות ומרה שחורה בזה כי לא נאמר כלל בדורות הללו. והוא עצמו היה גם כן בזאת הטעות מקודם, והיה עושה דברים זרים מאד בשביל נקיות, וכמעט שבא לידי סכנה על ידי זה, וגם לא נמלט מחלאים רחמנא לצלן על ידי זה. ועתה הוא יודע ואומר שהכל שגעון וחלילה לבלות זמן היקר על זה. ובאמת אי אפשר בשום אופן שיהיה הגוף נקי לגמרי ולא ישאר בתוכו כלום! כי הלא אפילו מי שמתענה משבת לשבת הוא צריך לנקביו גם בסוף השבוע אף על פי שלא אכל מקודם כמה ימים, כי בהכרח שישאר קצת בהגוף. ואמר שדבר גדול הוא אצלו שדיבר מענין זה כי יוצא מזה דבר גדול מאד דהיינו שלא לבלות זמן בשביל זה ושלא להאריך שם. ואפלו אם לפעמים הוא מוכרח להאריך, טוב לצאת ולחזור מלישב הרבה שם".

[מג] שו"ע מחבר או"ח סי' צ"ב סעי' א'.

אז מען גייט אין דעם חדר, דארף מען פאלגן דעם רבי'ן - דארף מען פאלגן דעם רבי'ן פון דעם חדר; מען גייט אין דעם חדר און פאלגן אן אנדערן רבי'ן?! אז דו גייסט דאך אין דעם חדר, זאלסטו פאלגן דעם רבי'ן!

דער רבי האט גערעדט דערפון. די גמרא[מד] זאגט: רב הונא האט געזאגט צו רבה דעם זון - רבה בר רב הונא, פארוואס גייסטו נישט צו די שמעתתא פון רב חסדא 'דמחדדן שמעתיה' - גיי הער זיינע הלכות. (א"ל:) "פארוואס זאל איך גיין, ער רעדט גאר מילי דעלמא, ער זאגט דארטן אז מען דארף זיך אוועקזעצן - - - אויפהייבן און דאס".

(א"ל רב הונא לבריה:) "אזוי?" - זאגט ער - "ער רעדט מיט דיר זאכן וואס עס איז נוגע צום לעבן! דאס איז נישט (סתם מילי דעלמא), אוודאי זאלסטו גיין!" אוודאי זאלסטו גיין צו אים הערן.

'וואס רעדט ער במילי דעלמא? וויאזוי מען זאל זיך פירן אין בית הכסא; נישט צו שטארק, (עס זאל נישט שאטן) - 'שיני כרכשתא', פשוט, אזוי ווי דער רבי האט גערעדט דארטן קעגן (המאריכין בבית הכסא).

דאס חיות פון א מענטשן הענגט אן דערינען, מענטשן גיבן אוועק - דאס לעבן גיבן זיי אוועק, זיי באקומען מורידין, זיי באקומען קראנקייטן איבער די חומרות פון נקיות, און נאכדעם העלפט עס גארנישט, עס מאכט אים נאר קראנק. (ומן הנכון ש-)יבדוק עצמו - און שוין!

עס זענען דא מענטשן וואס קענען נישט [ארויסגיין] נאר איינמאל אין עטליכע טעג; (און זיי ווילן) זיך עקשנ'ען, און נאכדעם ווערט מען קראנק און גייען פון דער וועלט!; אז ער קען נישט בשום אופן, איז ער דען פטור פון תפילה? וואו שטייט עס - וואו?!

חולי מעיים איז עפעס אנדערש, חולי מעיים איז אן אנדערע סארט זאך; חולי מעיים איז שוין יא דא דיעות דארטן, מען קריגט זיך וואס הייסט 'חולי מעיים'. דער וואס איז טאקע חולי מעיים איז דא דיעות - אז ער קען זיך נישט מאכן ריין[מה], אבער נישט

[מד] מסכת שבת דף פב., וזל"ש: "אמר ליה רב הונא לרבה בריה, מאי טעמא לא שכיחת קמיה דרב חסדא דמחדדן שמעתיה? אמר ליה, מאי איזיל לגביה, דכי אזילנא לגביה, מותיב לי במילי דעלמא; אמר לי מאן דעייל לבית הכסא לא ליתיב בהדיא ולא ליטרח טפי, דהאי כרכשתא אתלת שיני יתיב, דילמא משתמטא שיני דכרכשתא ואתי לידי סכנה. אמר ליה, הוא עסיק בחיי דברייתא - ואת אמרת במילי דעלמא? כל שכן זיל לגביה!".

[מה] עי' שו"ע או"ח סי' ל"ח, סעי' א', ובנו"כ שם.

דערפאר ווייל ער קען נישט האבן אין מאגן, נאר ער האט אן אנדערע סארט אומריינקייט וואס ער איז איינגאנצן פטור צו זאגן דארטן א דבר שבקדושה, עס איז א אנדערע סארט זאך, אבער אזוי?!

ר' נחמן טולטשינער האט אמאל נישט (געהאט) [געקענט] דרייצן טעג - געהאט מיט די מאגן (היה לו עצירות) - האט ער נישט געדאווענט? ער האט נישט געלייגט קיין תפילין דרייצן טאג?

(ער האט נישט געוואלט) נעמען קיין רפואה, (באמרו:) 'דער וואס האט פארמאכט דער וועט עפענען'! - דאס איז א באזונדערע זאך - קעגן רפואות; אבער ער האט נישט געדאווענט קיין דרייצן טעג?!

דאס איז אלס פון די חומרות וואס מאכט דעם מענטשן קראנק, און מאכט מרה שחורה'דיג[מ].

❖

## אוועק מיט א ריינעם נאָז

(ר' משה: און וואס איז מיט טאביק וואס דער רבי האט געזאגט: נישט טאביק, וואס מיינט דער רבי: נישט רייכערנען טאביק? אדער נישט שמעקן?) נישט שמעקן און נישט רייכערנען, ביידע נישט.

זיי דערציילן פון רבי [יוסף] חיים זאנענפעלד, אז מען איז צוגעגאנגען צו אים מיט א פושקע טאביק, (אמר): נו, 'זה נהנה וזה לא חסר' (שלא לקח מהפושקע כלום) ער האט געגעבן א מאך אזוי: נו, זה נהנה וזה לא חסר...

---

[מ] עי' ליקוטי הלכות פקדון ד, ד, וזל"ש: "וזהו בחי' כל החכמות של הבל המצויים עכשיו, כולם הם תחבולות היצה"ר והקליפה שמעקם לבבם ומתלבש עצמו במצוות כגון שמצוה לעבור זמן ק"ש ותפילה כדי להתפלל בגוף נקי ומבלים רוב ימיהם על נקיות ועוברים זמן ק"ש ותפלה בכל יום ולבסוף אינם מתפללים בגוף נקי כלל, מכ"ש שאינם מתפללים במחשבות נקיות וזכות כלל עד שע"פ הרוב אינם יודעים מה הם מדברים. וכבר צווחו ע"ז כמה גדולי הצדיקים בפרט אדמו"ר ז"ל שאמר בפירוש שהוא טעות ושטות גדול ופיתוי היצה"ר לבלות זמן היקר על חומרות של שטות כאלה, ולא כן כוונת הש"ע והפוסקים כלל, כמובן למעיין היטב בדבריהם, שאדרבא ברוב המקומות הם מקילים בזה מאד מאד. ואם באיזה מקומות נמצא שיכולין לטעות באיזה חומרא בזה צריכין לילך אחר רוב הפוסקים שרובם ככולם מקילים בזה מאד, כמבואר במ"א בסי' צ"ב בתחילתו, וכאשר ראינו מכל גדולי הקדמונים שלא נהגו בחומרא של שטות והבל הזה, ואין להאריך בזה כאן כי אין כאן מקומו".

אים האסטו גארנישט געטשעפעט און איך האב שוין הנאה געהאט, שוין.

ווען איינער קומט אן צו מיר אמאל און איך קען זיך נישט אפטשעפענען, גיב איך (א שמעק) און שוין (לא ברור).

אין אומאן פלעגט מען זאגן, אויב איינער האט געררייכערט אין שול: 'הגם לכבוש את המלכה עמי בבית?'![מז] - אין אונזער שול רייכענען צוגארעטן?!

- מיר רעדן דאס אזוי ווי עס איז. איך האב געקענט אידן וואס האבן געלעבט דריי און ניינציג יאר, וואס זיי האבן אין זייער לעבן נישט גערייכעט, זיי האבן אין זייער לעבן נישט געשמעקט (טאביק).

עס איז געווען - מרדכי באבריניצער'ס טאטע, טוביה, ער איז געווען פון טירהאוויצע, ער איז אלט געווען 'זיבן-און-אכציג' יאר. ער האט א זאג געגעבן: 'איך גיי אוועק מיט א ריינעם נאז!' - ער האט קיינמאל נישט געשמעקט.

מען רעדט דאך - און ער האט געדאווענט, געשמאק האט ער געדאווענט!

(ר' משה: איר האט אים פארכאפט עטליכע ראש השנה'ס?) אפשר זיבן אכט ראש השנה'ס. ער איז געזיצן אין קלויז לעבן מיר - אזוי געשמאק געדאווענט.

(ר' משה: ער האט אויך געוואוינט אין אומאן? ער איז געבליבן א טירהאוויצער אדער אין באברייניץ?) ער האט געוואוינט אין באבריניץ. (ר' משה: ער איז אוועק אין באבריניץ טאקע!) יא!

זיי זענען געוועזן - ר' טוביה'ס טאטע - אים האב איך שוין נישט פארכאפט - אסיע; אסיע איז געווען ביי ר' נתן'ען, ער איז געווען טוביה'ס טאטע; און טוביה; און מרדכי; און מרדכי'ס זון - עס איז געווען עפעס א זעקס-זיבן דורות.

דער בעל עגלה דער גוי האט שוין געזאגט: 'אסיען אטיע', דער גוי האט געזאגט: 'זוהן טאטע, זוהן טאטע, זוהן טאטע' - זיי זענען געקומען אויף ראש השנה, זעקס-זיבן דורות![מח].

---

[מז] אסתר ז, ח.

[מח] עי' שיש"ק (ישן) ח"ד, רצ"ב: "אביו של ר' טובי' באבריניצער, הנקרא בשם 'אסיע', היה עוד ממקורביו זל מוהרנ"ת, אח"כ נתרחק מאנ"ש ע"י מפורסם אחד שקירבו וחיבבו מאוד, והיה נוסע עם כל בניו ונכדיו לרבינו לקיבוץ אנ"ש בראש השנה, והיו נוסעים ביחד מעיר באבריניץ, הוא עם בנו ר' טובי', ועם נכדו ר' מרדכי, ועם ניניו בני ר' מרדכי, עד שהבעל עגלה הקבוע שהיה להם, היה אומר בבקיאות: זה בנו של זה וזה בנו של זה וכו', "טי סין טע, טי סין טע!".

(ר' משה: אסיע איז אויך געווען א טירהאוויצער?) יא, ער איז געווען ביי ר' נתן גאר; טוביה האט נישט פארכאפט ר' נתן - און ער האט געשמאק געדאוונט, א זיסער דאווענען געווען, געשמאק - און ער האט קיינמאל נישט געשמעקט, קיינמאל נישט גערייכעט, ער האט געהאט א שיינעם דאווענען.

אזוי איז - די וועלט רעדט זיך איין, און אז מען רעדט זיך איין, קען טאקע זיין אזוי אז ער קען נישט דאווענען, אזוי ווי 'הרגל נעשה טבע' - ווערט א טבע חדש, ער איז זיך מרגיל, עס איז ביי אים א נייער נאטור געווארן, איז קען ער נישט דאווענען (בלי זה), ער קען נישט!

אבער דער וואס ער רעדט זיך נישט איין, ער גלייבט דעם רבי'ן, ער רעדט זיך נישט איין (איז אים גוט אזוי).

וואו זענען די שיינע דאווענען'ס - דורך ציגרעטן מיט טאביק? פון התבודדות פריער! און פון אויפשטיין פריער! און (עוסק זיין בעבודת השם) פון דעם איז יא דא שיינע דאווענען'ס!

❖

## נעלם געווארן נאך די מגילה ליינען

(השואל: מען שיכור'ט זיך פורים?) דאס איז אן אנדערער שמועס - עס איז דאך אין שלחן ערוך[מט]: "חייב לבסומי (וכו') עד דלא ידע", דאס האט מען יא געזעהן אין אומאן.

(השואל: ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט זיך אנ'שיכור'ן?) איך האב אים קיינמאל נישט געזעהן (פורים שיכור), ער איז געווען א קראנקער מענטש.

נאך די מגילה איז ער אוועק, און מען האט נישט געוואוסט וואו ער איז אוועק, ער איז געקומען פארנאכטס, אריינגעקומען מיט א שמחה, און זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, איך וויים גארנישט וואו ער איז געווען. אפשר האט ער מקיים געווען עד דלא ידע און קיינער האט נישט געוואוסט.

נאך די מגילה, נאכן דאווענען, האט ער אפשר מקיים געווען משלוח מנות דארטן - און ער איז שוין נעלם געווארן. ער האט אסאך געהאט די זאך - אסאך מאל נעלם

[מט] או"ח סי' תרצ"ה, סעי' ב'.

געווארן, מען האט נישט געוואוסט וואו ער איז, און פארנאכטס איז ער געקומען מיט א שמייכל.

(השואל: מען האט געדאוונט ותיקין פורים?) יא יא, אוודאי, עס איז פון די השכמות פון דעם בעל שם הקדוש.

(ר' משה: און אלע טאג נישט?) אלע טאג איז געווען צוויי מנינים: א מנין ותיקין, און א מנין שפעטער - פורים האבן אלע געדאוונט ותיקין. אין די פינעף טעג האבן אלע געדאוונט ותיקין: 'שביעי של פסח, שבועות, תשעה באב, הושענא רבא, און פורים'.

❖

## ציען צו די העכסטע, נישט אראפפאלן פון די נידריגסטע!"

(חסרה, מדבר אודות השיחה שאמר רביז"ל:) **"מען זאל זיך ציען צו די העכסטע מדריגה, און נישט אראפפאלן פון די נידריגסטע!"**[י]

**דאס איז דער וועג פון די קדושה: וויל גיין העכער און פאל נישט אראפ! דו זעסט אז מען לאזט דיך נישט: פאל נישט אראפ ביי זיך, האלט זיך! וויל ווייטער גיין העכער!**

**דער שטייגער איז: אז ער פאלט אראפ - וויל ער שוין מער נישט!**[יא] (אבער - ניין!) - **דיין זאך איז: וויל גיין העכער - און אז מען ווארפט דיך, וויל איך נאכאמאל - וועל איך נאכאמאל פריוון זיך, אלע יארן פריוו זיך! אלע יארן זאלסטו זיך פריוון!**

**דער אויבערשטער איז דאך א 'יודע בוחן לבבות', איינער אז ער מיינט מיט אן אמת, גייט ער דורך, אזוי פיל מאל פרובירסטו זיך מיט אן אמת - לאזט מען דיר דורך**[יב].

---

[י] עי' בליקוטי מוהר"ן בענין מה שהאדם צריך להיות בקי ברצוא ושוב; ובסי' ז' תניינא - בענין הדעת שמאיר הצדיק בדרי מעלה ובדרי מטה.

[יא] עי' ליקוטי הלכות ערב ה"ג, ה': "מחמת שאין יודעין מעלת הרצון שהרצון בעצמו טוב מאד. ע"כ כשרואין שכמה פעמים רצו ברצון חזק להשי"ת ואפע"כ עדיין לא זכו לעבודת השי"ת וגם קצת פגמו יותר עד שנתעלם הרצון אצלם. **ובאמת זה הפגם קשה יותר מן הכל! כי איך שהוא עכ"פ אל ירפה את הרצון ולא יטוש ולא יעזוב את הרצון, אדרבא ירגיל עצמו לכסוף ולהשתוקק בכל פעם יותר ויות ברצון חזק יותר ויותר להשי"ת! וזה הרצון בעצמו טוב מאד ויכול לזכות עי"ז לתשובה שלימה באמת ולעלות לכל העולמות דקדושה!**".

[יב] עי' ליקוטי הלכות, שם: "והכלל הוא שאין שום ייאוש בעולם כלל! **ואפילו אם האדם הוא כמו שהוא, כל זמן שעדיין הוא זוכר את השי"ת ויש לו רצון לשוב אליו ית'. אע"פ שזה כמה אשר הוא כוסף לשוב אליו ית'. ועדיין לא זכה**

עס איז דא איינער וואס ער גייט (מיטן רצון) אלע יארן און מען לאזט אים נישט און ער האלט זיך, איז אויך אשרי לו! ער איז דאך נפטר געווארן מיט וועלן! די רצון האט ער נישט אפגעלאזט! כאטש מען האט אים נישט געלאזט, אבער ער וויל![נג]

דאס איז א געוואלדיגער בקיאות, דאס איז א שם יב"ק[נד], דאס איז א געוואלדיגער בקיאות - דער מענטש וויל און מען לאזט אים נישט - און איך וויל ווייטער!

דאס 'נישט לאזן' איז דאך נישט געווענדעט אין מיר; אין מיר איז געווענדעט דער 'וועלן' - דאס איז מיין בקיאות, איך דארף 'וועלן'! דאס 'נישט לאזן', דאס איז שוין פון אויבן.

דער שטייגער איז אבער, א מענטש אז מען לאזט אים נישט, איז אסאך מאל הערט ער אויף צו וועלן - דאס טויג נישט, מען טאר נישט אויפהערן צו וועלן.

דאס ווייסט אויך דער אויבערשטער אליין - ווער עס וויל, און מיט אן אמת!

נו, דער רבי האט דאך א זאג געגעבן: "איך האב אסאך אמת אריינגעבראכט אין אייך!"[נה]. מיט אזוי פיל רעדן צום אויבערשטן דיבורים, ווערט עפעס נצרף אין א מענטש נקודות פון אמת.

❖ ❖ ❖

---

לתשובה, אדרבא פגם יותר והוסיף חטא על פשע ח"ו, אעפ"כ יחזק עצמו בהרצון יותר ויותר, וירגיל עצמו בכל עת לכסוף ולהשתוקק להש"י תמיד בכל עת, ועי"ז בוודאי סוף כל סוף יזכה לצאת משטותיו, ויזכה בוודאי לתשובה בלי ספק!".

[נג] עי' ליקוטי הלכות נט"י לסעודה ה"ו, ס"ד, בא"ד, וז"ל: "וכל נקודה ונקודה טובה שיזכה על ידי זה הרצון, ואפילו אם לא יזכה כלום חס ושלום, רק זה הרצון בעצמו, הוא יקר ועולה על כל מחמדי תבל! והכל אין ואפס גמור נגד נקודה אחת מרצון הטוב הזה! וזה אי אפשר לבאר בפה ובכתב כי אם לכל חד כפום מה דמשער בלבו. גם עי' בדבריו הנפלאים בליקוטי הלכות ברכת השחר ה"ה, אות מא-מב בענין שיש מי שעיקר טהרתו הוא אחר ביאת שמשו דהיינו אחר פטירתו".

[נד] ליקוטי מוהר"ן סימן ו' - ז: "ודקדק רביז"ל, וקרא ענין זה בלשון "בקי", כי היא בקיאות גדולה מאוד מאוד, שיזכה לידע לייגע עצמו ולטרוח עצמו בעבודת השם תמיד, ולצפות בכל עת להגיע למדריגה גבוה יותר, ואעפ"כ אל יפול משום דבר, ואפילו אם יהיה איך שיהיה ח"ו, אעפ"כ אל יפול בדעתו כלל, ויקיים: "ואציעה שאול הינך", כנ"ל, ועל פי סוד נעלם בזה סוד כוונת אלול הנ"ל, כי בקי הוא הוא בחינת שם יב"ק הנ"ל, שהוא אותיות בקי....

[נה] עי' חיי מוהר"ן אות תקל"ח.

# דאס איז דאך אונזער דוד'ל

(ר' חיים שלמה: רבי נתן האט געזאגט אז מען זאל מתפלל זיין דרייסיג טעג פריער, הצילנו מקליפת עמלק?) **"אז מען בעט דרייסיג טעג הצילנו מקליפת המן עמלק, קען מען זעהן מרדכי הצדיק בשעת קריאת המגילה!"**[נו].

און טאמער וועסטו בעטן און דו וועסט נישט זעהן מרדכי הצדיק - זאלסטו נישט אנהעגנען אין - -

יעדער זאך וואס א מענטש מאכט עס פאר א פריוו, איז א געוואלדיגער קיטרוג אויף אים. ר' דוד'ל לעלוב'ער - פון די גרויסע צדיקים און א תלמיד ביים רבי'ן ר' אלימלך און דער חוזה - איידער ער איז געקומען צום רבי'ן ר' אלימלך, האט ער געהאט 'תשובת הקנה' עטליכע מאל, ער איז געוואלדיג געווען, פון די גרויסע צדיקים.

ווען ער איז געקומען צו רבי'ן ר' אלימלך, האט דער רבי ר' אלימלך נישט געוואלט אפילו קוקן אויף אים, האט ער געהאט אין זיך אזא צובראכנקייט, (וואס הייסט) ער וויל אפילו נישט קוקן אויף אים.

ר' אלעזר האט שוין באמערקט אז דער טאטע וויל נישט קוקן אויף אים, האט ער אים גארנישט צוגעלאזט צום רבי'ן ר' אלימלך. וויפיל ער איז געווען, ער האט זיך געדרייט (ולא עלתה לו, וחשב) וואס זאל ער טאן?.

עס איז געקומען ביי שלש סעודות אין די פינסטער, דער רבי ר' אלימלך האט געזאגט תורה מיט א פייער. איז ער ארייגעגאנגען אין די פינסטער, קיינער האט אים נישט געזעהן, האט ער געהערט ווי ער רעכנט אוים: **"עס איז דא איינער וואס האט שוין מקיים געווען אזוי פיל מאל תשובת הקנה - פונקט אויסגערעכנט - און אזוי**

---

[נו] עי' ליקוטי הלכות תפילין ה"ו, כ"ז: "כי איתא בדבריו ז"ל (ליקוטי א' סימן קצ"ב) שדיבור אמת של צדיק האמת הוא בחינת פניו ושכלו ונשמתו וכו'. ואיתא שם שבכל ספר של צדיק יש בו בחינת פניו וכו' עיין שם וזה בחינת מקרא מגילה שהוא בחינת הארת פני מרדכי ואסתר. כי הם דברי אמת שלהם כמו שכתוב (מגילת אסתר ט'): 'דברי שלום ואמת'. כי כשקורין את המגילה ומפרסמין תוקף הנס שנעשה על ידי מרדכי ואסתר על ידי מעשיהם והנהגותיהם שנהגו אז בחכמה נפלאה ובצידקות נורא ובקדושה גדולה, בזה מראין ומאירין אור פניהם הקדושים שהוא גנוז בתוך המגילה הקדושה שהוא ספר שלהם הקדוש, על כן על ידי זה מאיר עלינו הארת פניהם הקדושים שעל ידי זה היה תוקף הנס!".

**פיל עבודות, נאר מיינט ער עפעס א 'זעך' - אין עבודות, השגות - איז דער שאול תחתיות פאר אים קארג!".**

**- האט ער פונקט צוגעטראפן אזוי ווי ער איז, ער האט געמיינט השגות מיט זאכענישן, האט ער געזעהן אז ער האט דאך אינגאנצן צוגעטראפן וואס ער איז, איז ער שוין ביינאכט אויפגעשטאנען חצות און ער איז שוין געלעגן אויף דער ערד און געשריגן: 'געוואלד, אבער איך וויל נישט קיין השגות, איך וויל שוין גארנישט!'**

אינדערפרי איז ער אריינגעקומען נאכאמאל, האט אים ר' אלעזר נישט צוגעלאזט. דער רבי ר' אלימלך פלעגט אים רופן לאזער: "**לאזער, דאס איז דאך אונזער דוד'ל, דאס איז דאך אונזער דוד'ל! לאז אים צו!**"

- דאס איז דאך אונזער דוד'ל!

אז ער האט אוועקגעלאזט אלעס, האט ער אים שוין צוגעלאזט: דאס איז דאך אונזער דוד'ל.

- דא ליגט עפעס א מין אמת!

❖

# אט דאס ווילט איר מאכן פון מיר

דער רבי האט פון אים שטארק געהאלטן: **'ער איז גאר העכער פון דעם ספר'!**[נז]. דער (ספר) נועם אלימלך איז אזוי גרויס, און ער איז נאך העכער פונעם ספר!

**א געוואלדיגער איש אמת געווען, א געוואלדיגער איש אמת!**

(השואל: דער רבי האט זיך געקענט מיט אים?) **איך ווייס נישט, דער רבי איז אלט געווען פופצן יאר ווען ער איז נפטר געווארן; ער איז נפטר געווארן תקמ"ז** (ורבינו נולד תקל"ב).

**מען ווייסט נישט, אפשר האט ער אים געזעהן אין מעזיבוש; זיי פלעגן אלע קומען קיין מעזיבוש - אלע צדיקים**[נח]**; קען זיין אז דער רבי האט אים געזעהן - איך ווייס נישט.**

---

[נז] חיי מוהר"ן תקנ"ג.

[נח] עי' שיש"ק ח"א, י"א.

דער רבי האט געזאגט אויף אים, אז ער איז איינער פון די אכט זקנים - פון דעם ערשטן (מעשה) [טאג] פון די ז׳ בעטלערס[נט], איינער פון די אכט זקנים! ער איז געוואלדיג גרויס געווען.

א געוואלדיגער אמת געהאט איז זיך. די קינדער זיינע זענען נישט געווען קיין מפורסמים; ר׳ אלעזר איז געפארן צום קאזשניצער מגיד און צו ר׳ מרדכי׳לע נעשכיזער.

❖

עס איז געווען - ר׳ אלעזר האט א זוהן געהאט ר׳ נפתלי - ער האט זיך משדך געווען מיט דעם מאגליניצער - ר׳ חיים יחיאל מאגליניצער. און דער ר׳ נפתלי איז נישט געווען קיין רבי, ווייל דער רבי ר׳ אלימלך׳ס קינדער זענען נישט געווען קיין רבי׳ס.

און אז ער האט זיך משדך געווען מיט דעם מאגליניצער - דער מאגליניצער האט דאך גע׳שמ׳ט אין די וועלט - האט ער (המאגליניצער) א זאג געגעבן (לר׳ נפתלי): איך וויל נישט גיין צו די חופה (איידער איר) ווערט א רבי. די חופה איז געווען פרייטאג צונאכטס - ער וויל נישט גיין צו די חופה.

עס וועט זיין א בזיון אז ער וועט האבן א מחותן וואס ער איז נישט קיין רבי - זאל ער זיין א רבי!

זאגט ער (ר׳ נפתלי): הערט צו מחותן: איצטער איז פרייטאג פארנאכטס - מיר (וועלן נאך) רעדן, מיר (וועלן נאך) רעדן! שוין, מען האט געמאכט די חופה.

עס איז געקומען שבת פארנאכטס, ביי שלש סעודות, איז ער (המאגליניצער) געזעצן שפעט אין די נאכט אריין. האט ר׳ נפתלי שוין אפגעדאווענט, געמאכט הבדלה - און ער האט זיך אנגעטוהן אזוי ווי א קוימען קערער - דער וואס קערט דארטן די קוימענעס - מיט א בעזעם אין די האנט, אזוי ווי א קוימען קערער און ער איז אזוי אריינגעקומען צו שלש סעודות. זעהט ער (דער מאגליניצער). זאגט ער אים: ׳וואס איז דאס?׳ (ענה לו ר׳ נפתלי:) ״אט דאס ווילט איר מאכן פון מיר!״.

דער ר׳ נפתלי האט געזאגט צום מאגליניצער רבי׳ן: אט דאס ווילט איר מאכן פון מיר! ר׳ חיים יחיאל מאגליניצער, דעם קאזשניצער מגיד׳ס אן אייניקל.

---

[נט] מעשה י״ג בסיפורי מעשיות.

אט דאס ווילט איר מאכן פון מיר! שוין - האט ער שוין געזעהן ביי וואס ער האלט...

איך מיין דאס דאזיגע, אז דער רבי ר' אלימלך האט געהאט אין זיך אסאך אמת - אלע זיינע קינדער (און איניקלעך) זענען נישט געווען קיין (מפורסמים).

זיי זענען געווען (רבי'שע) איניקלעך, אבער נישט קיין רבי'ס...

די חברה פלעגן פארן אלע יאר דארטן צום רבי'ן ר' אלימלך אויפן יארצייט - אונזערע לייט פון פוילן פלעגן אלע פארן, כ"א אדר. עס איז געווען אן איניקל דארט, פלעגט ער צוגרייטן שמירה, איינגעפאקט אביסל - א פעקל פאר א שמירה, און מען האט אים געצאלט דארטן, אזוי איז געווען. געווענטליך (- כמובן) האט מען אים מהנה געווען - אבער ער איז נישט געווען קיין רבי: זיצט דאווענט און לערנט.

❖

(השואל: רבי נתן איז געווען ביים חוזה, עס שטייט עפעס אין כוכבי אור: 'חוזה באשר הוא שם') **רבי** נתן איז נישט געווען, ר' זלמן איז געווען.

- אזוי איז געווען: איינער ר' זלמן, מען האט אים גערופן: ר' זלמן דער קליינער, אים האט דער רבי געשיקט ער זאל נעמען די הסכמות (על ספה"ק ליקו"מ). ער האט א גאנץ יאר פארבראכט מיט די הסכמות; ער איז געווען ביים חוזה, און ער איז געווען ביים קאזשניצער מגיד. האבן זיי (מוהרנ"ת ור' נפתלי) מיטגעגעבן קוויטלעך צום חוזה.

ר' נתן האט מיטגעגעבן א קוויטל און ר' נפתלי האט מיטגעגעבן א קוויטל; תקס"ח איז דאס געווען - א צוויי-און-אהאלב יאר פאר דעם רבי'נס הסתלקות - ס"ח. עס שטייט דאך אין די הסכמות - ס"ח; דארטן שבט איז ער געווען ביים חוזה און ביים קאזשניצער מגיד.

אז דער חוזה האט גענומען די צוויי קוויטלעך, האט ער געזאגט, אז רבי נפתלי'ס קוויטל שיינט אים מערער ווי ר' נתן'ס.

ווען ער איז געקומען צום רבי'ן, האט ר' זלמן דערציילט דעם רבי'ן וואס דער חוזה האט געזאגט. האט זיך אנגערופן דער רבי: 'טאקע א חוזה, נאר ער זעהט נאר בשעת מעשה'; (ווייבאלד) דעמאלט האט רבי נפתלי געדאווענט און רבי נתן איז דעמאלטס געווען

אין בית הכסא - בשעת ער האט גענומען די קוויטלעך (לכן האיר לו הקוויטל של ר' נפתלי ביותר)[ס].

[ס] ע' בספר שם משמואל, תולדות, תרע"ט, ד"ה יש להוסיף: "י"ל עפ"י ששמעתי מכ"ק אבי אדומו"ר זצללה"ה שסיפר מהרבי הקדוש זצללה"ה מלובלין שניתנה לו פיתקא מאיש רשע וכשהביט בפיתקא אמר שהאיש ההוא מאיר בשמים ולאחר מכאן ניתנה לו פיתקא ג"כ מהאיש ההוא השליכה לארץ, ונשאל ע"ז ואמר שאז הי' מדליק נרות חנוכה ע"כ הי' אז מאיר בשמים".


**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **מרדכי יצחק פערלשטיין** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל אירוסי בנו החתן המופלג בתוי"ש
כמר **שלמה זלמן** ני"ו
עב"ג ר' **יהושע מאיר ברעכער** הי"ו
מאנסי
למזל טוב

מוה"ר **יוסף ישעי' לאווען** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל נישואי בנו החתן המופלג בתוי"ש
כמר **חיים יחזקאל** ני"ו
עב"ג ר' **נטע יוסף קויפמאן** הי"ו
קרית יואל
החתונה תתקיים יום א' וישב
באולם כינור דוד – קרית יואל
למזל טוב

מוה"ר **שמשון ווייס** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **בצלאל גורעליק** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הכנסת בנו כמר **בנימין זאב** ני"ו
לעוהתומ"צ
למזל טוב

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב**
ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
תנצב"ה

לעילוי נשמת מרת
**רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
תנצב"ה